"ולא שני דברים לדור", אז אין דייך זמן ווען דו ביסט דער מנהיג, איז די הנהגה אן אנדערע, ובמילא איז ניטא וואס צו רעכענען זיך מיט דער הנהגה פון א פריערדיקן דור.

דערנאך קומט מען צו דער רש"י פון אונזער פרשה "הוא והושע בן נון", וואס דא טוט אויף רש"י א גרויסן חידוש אז "שבת של דיוזגי היתה נטלה רשות מזה ונתנה לזה"; וואס בשעת מ'קוקט אין גמרא אויף דעם ענין פון "שבת של דיוזגי היתה", זעט מען גאר אז רש"י איז מפרש א גאנצע אריכות אין דעם פשט פון "דיוזגי היתה", משא"כ דא אין חומש זאגט רש"י גארניט אויף דעם, ולכאורה דארף דאך זיין פארקערט: פאר א בן חמש למקרא דארף מען מער מפרש זיין אן ענין ווי פאר א בן עשר למשנה און א בן חמש עשרה לגמרא, איז אויב מ'זעט אז פאר דעם בן חמש עשרה לגמרא דארף מען האבן א גאנצע אריכות אויף מפרש זיין דעם ענין, דארף מען פאר דעם בן חמש למקרא זיכער האבן א ביאור אין דעם ענין, איז פארוואס דא פארקערט *) פאר דעם בן חמש עשרה לגמרא, דארף רש"י זאגן א גאנצע אריכות; ולכאורה דארף זיין פונקט פארקערט? וכפי שיתבאר לקמן.

ו. (אמר: מ'דארף נאך טיילן כוס של ברכה, במילא דארף מען מקצר זיין).

אין אגה"ת ברייננגט דער אלטער רבי נאר ענינים וועלכע זיינען נוגע לענין התשובה, לא חסר ולא יתיר, ד.ה. אז אלץ וואס מ'דארף האבן לענין התשובה איז דארט פאראן, און דאס וואס איז ניט נוגע לענין התשובה ברייננגט ער דארט ניט.

במילא אז ער זאגט דא דעם לשון "רומז לבחי' רצון העליון ב"ה שלמעלה מעלה ממדריגת בחי' ח"ע" [וואס מיט דעם לשון "חכמה עילאה" באווארנט ער אז ער מיינט חכמה, ניט "חכמה תתאה" וועלכע איז מלכות] איז דאס נוגע צום ענין התשובה:

דאס קומט בהמשך צו דאס וואס ער רעדט אין פרק ח' אז ע"י התשובה נעמט מען "מי"ג מדה"ר הנמשכות מרצון העליון ב"ה הנרמז בקוצו של יו"ד שלמעלה מעלה וכו' מאותיות שם הוי' ולכן הי"ג מדות הרחמים מנקים כל הפגמים", ווארום בכדי אראפ צו נעמען אלע פגמים דארף מען ממשיך זיין פון א העכערן ארט.

ווארום דער ענין פון תורה בכלל איז דאך חכמתו של הקב"ה, און אפילו ענין המצות וואס ענינם איז רצון, קומט דאס אבער אראפ ע"י חכמה, ווארום "תלמוד גדול שהתלמוד מביא לידי מעשה" (קידושין מ, ב), דערפאר, בכדי אויף ממלא זיין אלץ וואס ס'פעלט אין דער עבודה פון תו"מ, דארף מען ממשיך זיין פון העכער פאר חכמה, פון די י"ג מדה"ר הנמשכות מרצון העליון ב"ה וכו' שלמעלה מעלה פון חכמה.

דערפאר זאגט ער דא אין פרק ד' דעם לשון "<u>שלמעלה מעלה</u> ממדריגת בחי' ח"ע" ווייל אט דאס איז די דרגא וואוהין מ'דערלאנגט ע"י עבודת התשובה, (ווי ער זאגט דעם זעלבן לשון "שלמעלה מעלה" אין פ"ח). ווייל דער פגם איז דאך אין חכמה, מוז מען דערלאנגען אין א העכערן ארט.

- עפ"ז -

---

*) - אז פאר דעם בן חמש למקרא דארף רש"י גארניט מפרש זיין, משא"כ

עפ"ז איז מובן אז מיט "שלמעלה מעלה ממדריגת בחי' ח"ע" מיינט מען אויך העכער פון ח"ס. ובהקדים וואס עס שטייט אין אגה"ק (סי' כ"ח) בנוגע פרה אדומה, אז ע"י פטירת צדיקים איז מען ממשיך פון אן ארט וואס איז העכער פון מו"ס מקור הבירורים, וואס דערפאר קען עס מכפר זיין אויף אלע ענינים וכו'; זעט מען אז די עבודה פון תו"מ [וואס בכללות איז דאס עבודת הבירורים], איז ניט נאר פארבונדן מיט ח"ע דאצילות, נאר דאס איז אויך פארבונדן מיט ח"ס, וואס אויך אויף דעם זאגט מען "בחכמה אתברירו", ווארום אויך דארט איז נוגע עבודת הבירורים.

פון דעם איז פארשטאנדיק אז בשעת עס פעלט אין דער עבודה פון תו"מ, איז דאס ניט נאר פוגם אין ח"ע דאצילות נאר דאס איז אויך פוגם אין ח"ס וועלכע איז מקור הבירורים; במילא בשעת מ'דארף דאס מתקן זיין ע"י תשובה, איז ניט מספיק אז מ'זאל נעמען פון אן ארט וועלכע איז העכער פאר חכמה דאצי', נאר וויבאלד ער האט פוגם געווען אויך אין ח"ס, דארף ער נעמען פון אן ארט וואס איז העכער פאר ח"ס.

דערפאר, איז אע"פ וואס בכללות איז דער קוץ שעל היו"ד רומז לבחי' כתר, כולל אלע דרגות פון כתר, איז אבער בשעת מ'רעדט וועגן תשובה, איז נוגע צו רעדן וועגן דער דרגא וואס איז העכער פאר ח"ס, וואס דערפאר קען דאס ממלא זיין די פגמים אין דער דרגא פון ח"ס.

מוז מען דאך זאגן אז מיט די ווערטער "שלמעלה מעלה ממדריגת בחי' ח"ע" מיינט דער אלטער רבי צו זאגן אז דאס איז העכער פאר ח"ס [וואס דערפאר זאגט ער טאקע "שלמעלה מעלה", כנ"ל]. ומובן אז ער דארף ניט זאגן אז עס איז העכער פאר טורא חשיכא וכו' - ווארום עס איז ניט נוגע צום ענין התשובה. ובמילא איז עס ניט נוגע דא אין אגה"ת, ווארום כנ"ל זאגט ער דא <u>נאר</u> די ענינים הנוגעים לענין התשובה; משא"כ אז עס איז העכער פאר ח"ס, מוז ער דא זאגן.

און דאס (אז ס'איז העכער פאר ח"ס) איז אויך מרומז אין דעם קוץ אליין, ווארום אויף דעם חלק פון דעם קוץ וועלכער איז <u>בסמיכות</u> צו דעם יו"ד, איז ניט שייכות צו זאגן אז דאס איז "למעלה מעלה" פון דעם יו"ד. נאר דוקא אף'ן חלק פונעם קוץ וועלכער אז ניט בסמיכות צום יו"ד איז שייכות צו זאגן אז דאס איז "למעלה מעלה ממדריגת בחי' ח"ע".

בנוגע דער רש"י: אויף דעם וואס די גמרא זאגט "שבת של דיוזגי היתה" ווערט א שאלה: "דיו" (אליין) מיינט צוויי, און "זוגי" (אליין) מיינט אויך צוויי, איז א"מ זאגט "דיוזוגי" איז לכאורה דער טייטש צוויי פאר - ולכאורה, רעדט מען דא נאר וועגן איין פאר, וועגן צוויי מענטשן, משה און יהושע?

דערפאר איז רש"י אין גמרא מוכרח צו זאגן א גאנצע אריכות, אז דאס מיינט "שני חברים", ובמילא פאסט צו זאגן אפילו אויף צוויי מענטשן דעם לשון "דיוזוגי", ווייל אז מ'זאגט אויף איינעם דעם לשון "חבר" ווייזט דאס אליין אז ס'איז פאראן א צווייטער, ווארום אויב ניט איז מיט וועמען איז ער א חבר, קען מען דערפאר זאגן אויף יעדן "חבר" דעם לשון "זוגי", ובמילא קען מען זאגן אויף צוויי חברים דעם לשון "דיוזוגי".

- אבער -